# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א

## פקודי - החודש

## יוֹם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ

### השי"ת איז נישט מְקַבֵּל זיינע תְּפִלּוֹת

**דער** וואס איז נישט נִזְהָר אין די מִצְוָה פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע אין צייט, וועט דאס הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אים געדענקען אויף שפעטער, אויב ער וועט אמאהל זיין חָלִילָה אין אַן עֵת צָרָה און אַן ענגשאפט, און ער וועט דעמאלס מִתְפַּלֵּל זיין אויף א יְשׁוּעָה אז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ זאל אים העלפן פון זיין צָרָה, וועט הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נישט צו הערן צו זיינע תְּפִלּוֹת.
קנה בינה ד' מ"ד: **מובא בספר שומע תפלה ח"א**

**דאס** זעלבע שטייט אין סֵפֶר אֲגוּדַּת אֵזוֹב אז וויבאלד דורכ'ן לייענען קְרִיאַת שְׁמַע זענען אִידִישֶׁע קינדער מַמְלִיךְ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אויף זיך, אז זיי נעמען אַן דעם יאך פון דעם קעניגרייך פון הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אויסצופאלגן זיינע באפעלן, ווי מִיר זאגן ה' אֱלֹקֵינוּ ה' אֶחָד מִיר טוען אנערקענען אז הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז דער אֵיינְצִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיבֶּער די גאנצע וועלט. מִיר זענען מְיַיחֵד הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס נָאמֶען אויף אונז אִידִישֶׁע קינדער, ווייזן מִיר דערמִיט ארויס אז מִיר זענען נאר אונטער די געוועלטיגונג פון הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא וואס ער איז אונזער קעניג און אז נאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז אונזער העלפער, וואס צוליב דעם מוּז הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אונז העלפן פונקט ווי יעדע הער העלפט ארויס זיין פאלק ווען זיין פאלק איז אין נויט. דעריבער קומט אויס אז אויב איינער האָט נישט מַמְלִיךְ געווען הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אין זיין צייט, ווייזט ער דאך נישט ארויס אז נאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז אונזער געוועלטיגער און אז נאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איז אונזער העלפער, מוּז דאך הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ איהם נישט העלפן. דעריבער נעמט מען נישט אַן זיינע תְּפִלּוֹת יענעם טאג אין הִימֶל איהם ארויס צו העלפן ווען ער איז אין אַן עֵת צָרָה רַחֲמָנָא לִצְּלָן.
**אגודת אזוב דרושים די"א.**

### מען שטארבט פאר די צייט רַחֲמָנָא לִצְּלָן

**רַבִּי** דּוֹסָא בֶּן הַרְכִּינָס זאגט אז איינס פון די פיר זאכן וואס נעמען ארויס דעם מענטש פון דער וועלט, [ער שטארבט פאר די צַיְיט] איז דאס שלאפן אינדערפרי ביז נָאךְ דעם סוֹף זְמַן פון קְרִיאַת שְׁמַע, [עי' רע"ב שם]. **אבות פ"ג מ"י**

**דער** רַבֵּינוּ יוֹנָה זאגט אז דער טַעַם דערפון איז, ווייל דער מענטש איז דאך נאר באשאפן געווארן אז ער זאל זיין באשעפטיגט אין לערנען תּוֹרָה וואס תּוֹרָה פארלענגערט דאס לעבן, ווי עס שטייט אין פָּסוּק [משלי ג' ב'] כִּי אֹרֶךְ יָמִים וּשְׁנוֹת חַיִּים וְשָׁלוֹם יוֹסִיפוּ לָךְ, - ווייל א דערלענגערונג פון טעג, און יארן מִיט פרידן, וועט די תּוֹרָה פארמערן צוּ דִּיר, דאס מיינט מען וועט לעבן לענגער ווי דער מַזָּל איז, [עי' בפי' ביאור הדברים, שם], דעריבער אויב מען שלאפט ביז שפעט אינדערפרי אז עס איז שוין נָאךְ דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע איז דאס א באוויז אז בַּיי אִים האָט די תּוֹרָה נישט קַיין חֲשִׁיבוּת, ווייל וויבאלד ער איז מְבַטֵּל די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע וואס איז מִן הַתּוֹרָה ווייזט דאס אז די תּוֹרָה האָט נישט ביים אִים קַיין שׁוּם חֲשִׁיבוּת, אויב אזוי פארוואס זאל מען אִים געבן נָאךְ מער יארן צוּם לעבן.

**ברענגט** דער רַבֵּינוּ יוֹנָה א מָשָׁל דערויף: א קעניג האָט געגעבן פאר זיין קנעכט הונדערט גילדן, און דער קנעכט האָט גענומען דאס גֶעלְט און דאס גראד אֲרֵיין געווארפן אין יַם אֲרֵיין, דערנאך איז געגאנגען דער קנעכט און געבעטן פון דעם קעניג אז ער זאל אִים געבן נָאךְ גֶעלְט, פארשטייט יעדער אז דער קעניג האָט אִים שוין מער נישט גֶעוָואלְט געבן. דאס זעלבע איז מִיט דעם מענטש וואס שלאפט ביז שפעט. איז ער דען ווערד אז מען זאל אִים געבן נָאךְ יארן צוּם לעבן, ער וועט

## יום שַׁבַּת קוֹדֶשׁ

דאך די צייט אויך אנבערענגען מִיט גארנישט, דעריבער זאגט רַבִּי דּוֹסָא בֶּן הַרְכִּינָס אז ער וועט שטארבן פאר די צַייט. **אבות פ"ג מ"י ורבינו יונה שם**

**אויך** אין אָבוֹת דְּרַבִּי נָתָן [פכ"א א'] ווי עס שטייט דער זעלבער מַאֲמָר פון רַבִּי דּוֹסָא בֶּן הַרְכִּינָס שטייט דארט אויך: וואס מיינט אז דאס שֶׁלָּאפֶן שפעט אינדערפרי, איז גּוֹרֵם אז מען שטארבט חָלִילָה פאר די צייט, דער מענטש זאל נישט אינזין האבן אז ער וויל שֶׁלָּאפֶן אינדערפרי אזוי לאנג ביז נָאךְ דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, ווייל דורך דעם וועט אויס-קוּמֶען אז ער איז מְבַטֵּל די מִצְוָה פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע, ווי עס שטייט אין [משלי כ"ו י"ג, י"ד] אָמַר עָצֵל שַׁחַל בַּדָּרֶךְ אֲרִי בֵּין הָרְחֹבוֹת, הַדֶּלֶת תִּסּוֹב עַל צִירָהּ, וְעָצֵל עַל מִטָּתוֹ - דער פוילער מענטש וואס וויל נישט אויפשטיין אינדערפרי זאגט ער פוילע תֵּרוּצִים, אז א יונגער לֵייבּ איז אויף דעם וועג, און א אלטער לֵייבּ איז צווישן די גאַסן, דערפאר האָט ער מוֹרָא אויף צוּ שטיין אינדערפרי. - איז ער פונקט ווי די טיר וואס דרייט זיך אויף איר אנגל אהין און אהער און שיידט זיך נישט אפ פון די וואנט, אזוי דרייט זיך דער פוילער אויף זיין בעט, ער קערט זיך אהין און אהער ער קלעבט צוּ זיין בעט, און ער וויל זיך נישט שיידן פון זיין בעט. **אבות דרבי נתן פכ"א א'**

**הארבקייט פון פארשפעטיגן זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע,** שטייט אין סֵפֶר בְּנֵי יִשָּׂשכָר אז כָאטְשׁ אויב מען האָט פארשפעטיגט דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע האָט מען נאר מְבַטֵּל געווען א מִצְוֹת עֲשֵׂה, אבער וויבאלד די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע איז פון די מִצְוֹת וואס זענען פון די יְסוֹדוֹת פון די געבאטן פון די תּוֹרָה איז דאס גאר א הארבע עֲבֵירָה, ווי די חֲזַ"ל רופן דאס אַן מְעֻוָּת לֹא יוּכַל לִתְקֹן וְחֶסְרוֹן לֹא יוּכַל לְהִמָּנוֹת - א פארקרומטע זאך וואס מען קען נישט פארעכטן. דעריבער האבן די חֲכָמִים געמאכט א סְיָג [גרעניץ] בַּיי דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע פון ביינאכט אז דאס איז נאר ביז חֲצוֹת פון דער נאכט. ווייל די עֲבֵירָה איז פונקט אזוי הָארֵב ווי די עֲבֵירָה פון עסן קָדָשִׁים וואס איז אָסוּר [צוליב דאס איז נוֹתָר] וואס דער שטראף דערויף איז כָּרֵת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

**אויך** זאגט דער בְּנֵי יִשָּׂשכָר אז דעריבער האָט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אנגעהויבן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה בַּיי די ערשטע מִשְׁנָה אין מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת מִיט די הֲלָכָה פון זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע, וויבאלד מִיר פְּסַק'ענען [ספר הליקוטים עה"פ תהלים נ' ט"ו] אז די גאנצע תּוֹרָה און אויך בַּיי אַלֶע מִצְוֹות אוֹיבּ מען איז זיי מְקַיֵּים ווען מען איז א רָשָׁע זענען זיי נישט עוֹלָה לְרָצוֹן פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוֹיבּ אזוי וואס זאל דער מענטש טוהן אויב ער האָט חָלִילָה אמאהל געזינדיגט מִיט אזעלעכע עֲבֵירוֹת וואס עס העלפט נישט דערויף בלויז תְּשׁוּבָה, ווי לְמָשָׁל ווען מען איז עוֹבֵר אויף עֲבֵירוֹת וואס זייער שטראף איז כָּרֵת אדער מִיתוֹת בֵּית דִּין, אדער די עֲבֵירָה פון חִילּוּל הַשֵּׁם וואס דער רַמְבַּ"ם פסק'ענט [ה' תשובה א' ד'] אז נאר דורך תְּשׁוּבָה און יוֹם הַכִּפּוּרִים מִיט יִסּוּרִין און שטארבן, די פיר זאכן צוזאמען העלפן אז דאס זאל קענען אפגעמעקט ווערן.

**נאר** עס שטייט אין זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ [במדבר קצה:] אז דער מענטש וואס איז זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ פאר השי"ת [בִּשְׁעַת ווען ער זאגט קְרִיאַת שְׁמַע] מִיט אַן אֱמֶת, ער איז מְקַבֵּל אויף זיך דעם עוֹל מַלְכוּת שָׁמַיִם און ער איז מְקַבֵּל אויף זיך אז ער איז בֶּאֱמֶת גרייט זיך מוֹסֵר נֶפֶשׁ זיין פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס כָּבוֹד, ווערט דאס גערעכנט פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ ווי גְלֵייךְ ער וואלט זיך מַמָּשׁ מוֹסֵר נֶפֶשׁ געווען דורך יִסּוּרִים פון שטארבן, פאר השי"ת'ס כבוד.

**לוֹיט** דעם האבן מִיר א סְגוּלָה און א רְפוּאָה אז אֲפִילוּ אויף אזעלעכע עֲבֵירוֹת וואס תְּשׁוּבָה אַלֵיין איז נישט גענוג, זאל מען זיך גרייט מאַכן מוֹסֵר נֶפֶשׁ צוּ זיין פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ'ס כָּבוֹד, דעמאלס וועלן מִיר שׁוֹין מער נישט זיין אין די בְּחִינָה פון א רָשָׁע און די תּוֹרָה און מִצְוֹת וועלן עוֹלָה זיין לְרָצוֹן פאר הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**דעריבער** האָט רַבֵּינוּ הַקָּדוֹשׁ אנגעהויבן תּוֹרָה שֶׁבְּעַל פֶּה מִיט דעם זְמַן פון קְרִיאַת שְׁמַע צוּ ווייזן אז די חֲכָמִים האבן געמאכט גרעניצן בַּיי די מִצְוָה פון לייענען קְרִיאַת שְׁמַע. ווייל די חֲכָמִים האבן זייער שטארק מוֹרָא געהאט אז מען זאל חָלִילָה נישט עוֹבֵר זיין אויף דעם סוֹף זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אֲפִילוּ נישט אֵיין טאג אין לעבן, וויבאלד עס איז דאך דָא א חֲשַׁשׁ אוֹיבּ דער מענטש האָט אֶפְשָׁר אמאהל עוֹבֵר געווען אויף אַן עֲבֵירָה וואס דער שטראף איז כָּרֵת אדער מִיתוֹת בֵּית דִּין, וואס תְּשׁוּבָה אַלֵיין איז נישט גענוג, דעריבער זאל מען זיין שטארק געווארנט אין די מִצְוָה פון קְרִיאַת שְׁמַע וועט דאס העלפן צוּ מְכַפֵּר זיין אויף די הארבע עֲבֵירוֹת.

**בני יששכר ניסן, מ"ד דרוש ט'**